בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

תשפ"ו

445

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע״י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע״י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרוֹיפְקוּקְן מַיין מַאן?........................................א
מִיט וָואס זָאל מֶען מְחַזֵק זַיין אַ מֶענְטְש?........................................ג
רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּמַחְשָׁבָה אִין מִקְוֶה?........................................ה
זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת?........................................ח


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


שָׁלוֹם בַּיִת מֵיינְט נִישְׁט צוּ זַיין אַ קְנֶעכְט פַאר דִי וַוייבּ........................................א
בֵּיידֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן אִינְטֶערְפִירְן, אֲפִילוּ עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער ........................................ב
וִוי אַזוֹי קוּמְסְטוּ צוּם רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט אַ כֵּלִי טָמֵא וּמְטַמֵא? ........................................ג
לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ........................................ד
זָאגְן נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים, וֶועט בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת........................................ה
לֶערְנֶען נָאר מִיט כַּלוֹת וָואס דִי מַאמֶע בֶּעט עֶס........................................ו
מַיין קָאפּ אוּן הַארְץ אִיז אִין דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ........................................ז
עֶנְדֶערְשׁ צוּרִיק גֵיין וואוֹינֶען שְׁטָאט, וִוי אַ פְּרוֹי זָאל דְרֵייוְון ........................................ט
אִין אָנְהוֹיבּ גֵייט דִי מוֹסְדוֹת אַבִּיסְל שְׁוֶוער ........................................י
הֶער אוֹיס דִי שִׁיעוּר אִין הִלְכוֹת שַׁבָּת ........................................יא
נֶעמֶען מֶעדֶעצִין פַאר דֶעפְּרֶעסְיֶע........................................יא
דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועט מַאכְן דַיין אֱמוּנָה לוֹיטֶער אוּן קְלָאר ........................................יב
פַארְבֶּעסֶערְן דִי שָׁלוֹם בַּיִת אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל ........................................יב

חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז אַ צַייט פוּן רַחֲמָנוּת.............................................יד

תְּשׁוּבָה טוּן אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל................................................ טו

מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס.......................................... טז

תְּשׁוּבָה טוּן אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל..................................................יז

זִיךְ מַאכְן אַ סֵדֶר פַאר חוֹדֶשׁ אֱלוּל ............................................יט

וּתְשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה, נָאךְ פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה................................. כ

אַלֶעס פַארְדֶערְכְטְן אָן תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים.......................................כא

פוֹעֶלְ'ן שִׁידוּכִים אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל ..............................................כב

וֶוען דִי נִישְׁט גוּטֶע רוּחַ כַאפְּט דִיךְ אָן .......................................כד

דֶער וָואס בְּרֶענְגְט סוֹדוֹת, טְרָאגְט סוֹדוֹת .......................................כד

וֶוען דִי עֶלְטֶערְן רֶעדְן זִיךְ אוֹיס...................................................כו

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צֶעמִישְׁט וָואס אִיז הִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיק.................................כז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרוֹיפְקוּקְן מַיין מַאן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין מַאן אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ תַּלְמִיד חָכָם און עֶר לֶערְנְט פְלַייסִיג, אויךְ טוּט עֶר אַסַאךְ חֶסֶד און עֶר הֶעלְפְט אַרוֹיס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי ווִי עֶר אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַזַא מְסוּדָר'דִיגֶער מֶענְטְשׁ, קֶען אוֹיסְקוּמֶען אַז עֶר בְּלַייבְּט פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע עַסְקָנוּת בִּיז שְׁפֶּעט אִין דִי נַאכְט, אִיךְ בִּין אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר צוּפְרִידְן מִיט אִים.

אֵיין זַאךְ וָואס טוּט מִיר אָבֶּער וֵויי אִיז דָאס וָואס עֶר אִיז נִישְׁט מַקְפִּיד צוּ דַאוֶוענֶען אִינְדֶערְפְרִי פַאר חֲצוֹת מִיט מִנְיָן, עֶר קֶען אוֹיפְשְׁטֵיין שְׁפֶּעט, און נָאךְ עֶנְטְפֶערְן עֶטְלִיכֶע טֶעלֶעפָאן רוּפְן, וָואס קֶען זִיךְ אַרֵיינְצִיעֶן בִּיז נָאךְ חֲצוֹת. אויךְ בַּיי מִנְחָה מַעֲרִיב שְׁטְרֶענְגְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אָן צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, כָאטְשׁ וָואס רוֹב מָאל קוּמְט אִים יָא אוֹיס צוּ דַאוֶוענֶען מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אָבֶּער אַז עֶר וֶוערְט פַארְנוּמֶען, וֶועט עֶר נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין וֶועג צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן.

אִיךְ וֵוייס אַז דָאס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט מִיר, עֶס אִיז נִישְׁט מַיין אַחְרַיוּת אַז עֶר זָאל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן און עֶס דַארְף מִיר בִּכְלַל נִישְׁט שְׁטֶערְן, וָואס קֶען אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז עֶס בַּאדֶערְט מִיר יָא? און עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי רֶעסְפֶּעקְט וָואס אִיךְ הָאב צוּ אִים, און לְמַעֲשֶׂה טוּט מִיר עֶס זֵייעֶר וֵויי, סַךְ הַכֹּל וַויל אִיךְ הָאבְּן אַ מַאן אַ יְרֵא שָׁמַיִם, און ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִים מְכַבֵּד זַיין און אַרוֹיפְקוּקְן וֶוען זַיין דַאוֶוענֶען זֶעט אַזוֹי אוֹיס? לֶעצְטְנְס הָאב אִיךְ בַּאמֶערְקְט ווִי עֶר הָאט גֶעגֶעסְן אַ שְׁטִיקֶל קֶעיק מִיט זַיין קַאוֶוע פַארְן דַאוֶוענֶען, דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, דָאס מַאכְט אַז אִיךְ זָאל אִים נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיפְקוּקְן.

אִיךְ וויל נָאכְאַמָאל בַּאטָאנֶען אַז אִיךְ ווייס אַז דָאס הָאט נִישְׁט מִיט מִיר, עֶס אִיז נִישְׁט מַיין עֲבֵירָה אוּן נִישְׁט מַיין אַחְרָיוּת, אָבֶּער נָאכְאַלְץ וויל אִיךְ שְׁפִּירְן פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן מִיט מַיין מַאן, אִיךְ וויל אִים בֶּאֱמֶת קֶענֶען אַרוֹיפְקוּקְן אוּן מְכַבֵּד זַיין אוֹיךְ אִין מַיין הַארְץ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאִרְן לֵיינֶען מַיין בְּרִיוו, אִיךְ קוּק אַרוֹיס אוֹיף אַן עֶנְטְפֶער אוּן הַדְרָכָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר זֶעט נִישְׁט מִיט אַייעֶרע אוֹיגְן ווִי דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם הָאט גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַייעֶר שְׁטוּב? אִיר זֶעט נִישְׁט מִיט אַייעֶרע אוֹיגְן ווִי אִיר וֶוערְט פַארְנַארְט אִין זַיין נֶעץ? אִיר זָאגְט אַלֵיינְס אַז דָאס מַאכְט אִיר זָאלְט אַרָאפְקוּקְן אוֹיף אִים אוּן עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי לִיבְשַׁאפְט צְווִישְׁן עֶנְק.

ווִיסְן זָאלְט אִיר, אַזוֹי ווִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז קֶענֶען נִישְׁט וַואקְסְן נָאר אַז מֶען בַּאוַואסֶערְט זֵיי, אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט וַואקְסְן נָאר אַז מֶען הַאלְט פוּן אִים, אוּן בִּיז ווִיפִיל מֶען הַאלְט אַז עֶר קֶען אָנְקוּמֶען - בִּיז אַהִין קֶען עֶר אָנְקוּמֶען; בַּיי קִינְדֶער אִיז דָאס גֶעוָואנְדְן לוֹיט דִי עֶלְטֶערְן אוּן לוֹיט זַיין מְלַמֵּד, אוּן שְׁפֶּעטֶער נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז דָאס גֶעוָואנְדְן אִין דִי וַוייבּ; אַז דִי וַוייבּ שֶׁעצְט אִים - קֶען עֶר וַואקְסְן, אוּן אַז אִין אִיר הַארְץ הַאלְט זִי נִישְׁט פוּן אִים - קֶען עֶר נִישְׁט וַואקְסְן, אוּן אַזוֹי דֶערְצֵיילְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ז): "מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, נָאכְדֶעם וָואס עֶס זֶענֶען אַרִיבֶּער לַאנְגֶע יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶע׳גֶט, אוּן דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ

שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי און זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ רָשָׁע, און דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ רָשָׁע, און זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, פִירְט אוֹיס דֶער מֶדְרָשׁ: "הֱוֵי שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דִי פְרוֹי; אוֹיב דִי פְרוֹי קוּקְט גוּט אוֹיף אִיר מַאן - וֶוערְט עֶר אַ צַדִיק, און אַז דִי פְרוֹי הַאלְט נִישְׁט פוּנֶעם מַאן - זִי קוּקְט אִים אַרָאפּ - פַאלְט עֶר נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ.

זוּכְט אִין אַייעֶר מַאן נָאר דָאס גוּטְס, אַ פְרוֹי הָאט דִי כֹּחוֹת צוּ זֶען נָאר דָאס גוּטְס, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה מה:): "מְלַמֵּד שֶׁנָּתַן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּינָה יְתֵירָה בָּאִשָּׁה יוֹתֵר מִבָּאִישׁ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אַ פְרוֹי מֶער חָכְמָה וִוי פַארְן מַאן; אַ פְרוֹי הָאט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע שֵׂכֶל און פַארְשְׁטַאנְד צוּ קֶענֶען טְרֶעפְן דָאס גוּטְס אִינֶעם מַאן און אִין דִי קִינְדֶער, און אַז זִי נִיצְט דָאס אוֹיס - אִיז דִי זוֹכֶה צוּ בּוֹיעֶן אִיר שְׁטוּב, עֶס וֶוערְט מְקוּיָם בַּיי אִיר (מִשְׁלֵי לא, ל-לא): "אִשָּׁה יִרְאַת ה' הִיא תִתְהַלָּל, תְּנוּ לָהּ מִפְּרִי יָדֶיהָ וִיהַלְלוּהָ בַשְּׁעָרִים מַעֲשֶׂיהָ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיט וָואס זָאל מֶען מְחַזֵק זַיין אַ מֶענְטְשׁ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים און בְּרִיוו וָואס זֶענֶען אַזוֹיפִיל מְחַזֵק און גֶעבְּן אַ רִיכְטִיגְן וֶועג און בְּלִיק אִין לֶעבְּן.

אַ חַבֶר'טֶע הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ קוּמֶען מִיט אִיר צוּ מְחַזֵק זַיין אַ גֶעוִויסֶע מֵיידְל. דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי מֵיידְל אִיז אַז אִירֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ גֶע'גֶט לֹא עָלֵינוּ, און זִי הָאט דָאס גֶענוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאקוּמֶען פַּאנִיק אַטַאקֶעס און יֶעדֶעס מָאל הָאט זִי מַמָשׁ גֶע'חַלֶשְׁ'ט, און אַזוֹי הָאט זִי זִיךְ אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִינְדֶערְהֵיים פַאר עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים. לֶעצְטְנְס הָאט זִי גֶעכַאפְּט אַ שְׁטַארְקֶע פַּאנִיק אַטַאקֶע און זִי הָאט גֶע'חַלֶשְׁ'ט, און וֶוען זִי

הָאט זִיךְ עֶרְוֶועקְט אִיז זִי גֶעבְּלִיבְּן גֶעלֶעמְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִין אָנְהוֹיב זִי נָאךְ גֶעקֶענְט רֶעדְן אוּן רִירְן אֵיין הַאנְט, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער הָאט זִי שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן דִי צְוֵוייטֶע הַאנְט, אוּן יֶעצְט רֶעדְט זִי נָאר זֵייעֶר שְׁוַואךְ אוּן שְׁטִיל.

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן צוּ אִיר צוּזַאמֶען מִיט דִי חַבֶר'טֶע, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין אַ בְּרִיוו פוּנֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז צוּ מְחַזֵק זַיין אַ מֶענְטְשׁ דַארְף מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט פְרֶעגְן רְשׁוּת, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּ דִי מֵיידְל אוּן אִיר מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִיר, אוּן מִיט אַ הָאפֶענוּנְג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִיר זִיכֶער הֶעלְפְן אוּן עֶס וֶועט אִיר נָאךְ וֶוערְן גוּט אִין לֶעבְּן.

מִיר הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְּן שֵׁיינֶע צֶעטְלֶעךְ מִיט וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן עֶס אוֹיפְגֶעהַאנְגֶען אוֹיף דִי וֶוענְט, דִי מֵיידְל הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט צוּ אוּנְזֶערֶע דִיבּוּרִים אוּן גֶעבֶּעטְן מִיר זָאל קוּמֶען מֶער צוּ אִיר.

מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט פְרֶעגְן דֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועלְכֶע סָארְט זַאכְן מִיר זָאלְן רֶעדְן מִיט אִיר, עֶס זֶעט אוֹיס אַז דִי גֶעלֶעמְטְקֵייט קוּמְט פוּן אַ גֵייסְטִישֶׁע שְׁוֶועריקֵייט, אוּן מִיר הָאבְּן גֶעזֶען אַז וֶוען מִיר הָאבְּן אִיר פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט הָאט זִי גֶעלַאכְט אוּן אִיר אַקְסְלֶען הָאבְּן זִיךְ יָא גֶערִירְט פוּן שִׂמְחָה אוּן לַאכְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה וָואס עֶנְק טוּעֶן, זַייט מַמְשִׁיךְ מִיט דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

דֶער עִיקָר זָאלְן עֶנְק רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, וַוייל אֱמוּנָה הֵיילְט דִי נֶפֶשׁ, אֱמוּנָה הֵיילְט אַלֶעס, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען - אִיז אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים

הֶחֱלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסאַךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחְלוֹת, אוּן זֵיי לַיידְן פוּן דֶעם נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּן גֵייסְטִישֶׁע קְרֶענְק, 'יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ' וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צַאם. דֶער רֶבִּי זָאגְט: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, "בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת", לַיידְט עֶר נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחְלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, "שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", אוּן דַאן הֶעלְפְט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי יִסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט פוּן אַלֶע סָארְט יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ; עֶס פַּיינִיגְט זֵיי פוּן אִינֶעוֵוייניג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּמַחְשָׁבָה אִין מִקְוֶה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם ווִיל אִיךְ זָאגְן אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ אוֹיף דִי כֹּחוֹת וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֵייגְט אַרַיין אִין אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן נִיגוּנִים, וָואס גֶעבְּן מִיר לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען, עֶס אִיז שׁוֹין אַ הַאלְבֶּע יָאר וָואס אִיךְ פַּארְפַּאס נִישְׁט קַיין אֵיין שִׁיעוּר, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דֶעם יֶעדְן טָאג, אוּן זַייט דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן; אִיךְ הָאבּ אִינְגַאנְצְן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ מְצִיאוּת אַז מֶען קֶען הָאבְּן אַזאַ זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ קֶען גוּט לֶערְנֶען, אָבֶּער אֲפִילוּ אַזוֹי פְלֶעגְט דוּרְכְגֵיין טֶעג אוּן וָואכְן וָואס אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט נִישְׁט גֶעעֶפְנְט קַיין סֵפֶר, זַייט אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בִּין אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג מִיט רַשִׁ"י, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים, אַלְץ אַ דַאנְק דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה

שְׁלִיטָ"א זָאל וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ, לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן, מִיט פִּיל נַחַת פוּן אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת אִיבֶּער הִתְבּוֹדְדוּת: א) מֶעג מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אָדֶער נִישְׁט? ב) אִיז מֻתָּר צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּמַחְשָׁבָה אִין מִקְוֶה? אַזוֹי ווִי מֶען טָאר נִישְׁט דָארְט זָאגְן אַ דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה. ג) דִי מִשְׁנָה זָאגְט אִין אָבוֹת: "הַמְּהַלֵּךְ בְּדֶרֶךְ יְחִידִי וְכוּ', הֲרֵי זֶה מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ", לוֹיט דֶעם ווִיל אִיךְ ווִיסְן צִי דָאס מֵיינְט אוֹיךְ גֵיין אִין וַואלְד בַּיינַאכְט, (בְּאוֹפֶן אַז מֶען וֶוערְט זִיכֶער נִישְׁט פַארְלוֹירְן), זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן וָואס צוּ טוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט גֶעווִיסֶע שְׁטִיקְלֶעךְ גְּמָרָא וָואס מַאכְט טְרַאכְטְן נִישְׁט גוּט וְכוּ'.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר צוּרִיק שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אַסַאךְ מָאל, דוּרְכְדֶעם וָואס אִיךְ קֶען עֶס אִיבֶּערְלֵיינֶען וֶוען אִיךְ ווִיל.

אַ בָּחוּר פוּן לָאנְדָאן

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, לָאנְדָאן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע פְרֵייד צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּ' מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן מִיטְן רֶבִּינְ'ס הִתְחַזְּקוּת, דַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן, דוּ לֶעבְּסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן, דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

אוֹיף דִי עֶרְשְׁטֶע פְרַאגֶע וְכוּ'; מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט דִי מַחֲשָׁבָה: 'אֶפְשָׁר אִיז הַיינְט מַיין לֶעצְטֶע טָאג?' עֶר גֵייט שְׁלָאפְן מִיט דִי מַחֲשָׁבָה, עֶר גֶעבְּט זִיךְ מַמָּשׁ אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'בְּיָדְךָ אַפְקִיד רוּחִי' - מֶעג מֶען זִיךְ אוֹיךְ שַׁבָּת מִתְוַודֶּה זַיין.

בְּנוֹגֵעַ וֵויינֶען שַׁבָּת; עֶס וֶוערְט שׁוֹין גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי פּוֹסְקִים (מֶדְרָשׁ אַגָּדָה, הוּבָא בְּבֵית יוֹסֵף אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפח; טוּרֵי זָהָב שָׁם, סְעִיף קָטָן ב), אַז אוֹיבּ עֶס אִיז אַ תַּעֲנוּג, אַ פַאַרְגֶענִיגְן פַאַרְן מֶענְטְשׁ זִיךְ אוֹיסְצוּאַוֵויינֶען פַאַרְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - מֶעג מֶען דָאס טוּן אוּם שַׁבָּת.

אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע פְּרַאגֶע וְכוּ'; אַוַודַאי מֶעג מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין בְּמַחְשָׁבָה אִין מִקְוֶה, נִישְׁט נָאר בְּמַחְשָׁבָה, נָאר אוֹיךְ בְּדִבּוּר; אַז מֶען אִיז אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם וַואנְט בִּצְנִיעוּת קֶען מֶען מַאכְן תְּפִלּוֹת בַּיי יֶעדֶע טְבִילָה, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, בִּזְכוּת דִי טְבִילָה וָואס אִיךְ טוֹבֵל זִיךְ - זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן", אוּן מֶען טִינְקְט זִיךְ אַיין; מֶען זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי אִיךְ טוֹבֵל זִיךְ יֶעצְט מַיין קֶערְפֶּער, בֶּעט אִיךְ דִיר, טוֹבֵל מַיין נְשָׁמָה, אִיךְ זָאל וֶוערְן רֵיין פַאר דִיר", אוּן מֶען טִינְקְט זִיךְ אַיין.

אוֹיף דִי דְרִיטֶע פְּרַאגֶע וְכוּ'; אַוַודַאי מֶעג מֶען גֵיין, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סַכָּנָה; קוּק אַרַיין אִין בַּרְטְנוּרָא (אָבוֹת ג, ד): "וְאִם הָיָה מְחַשֵּׁב בְּדִבְרֵי תוֹרָה הָיְתָה מְשַׁמַּרְתּוֹ", אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט פוּן תּוֹרָה מֶעג מֶען, וַוייל דִי תּוֹרָה וֶועט אִים הִיטְן; אַזוֹי אוֹיךְ אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד וֶוערְט מֶען אֵיינְס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן, אוּן קוּק אַרַיין אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א, סִימָן נב), וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אוֹיס דִי מִשְׁנָה אִין אָבוֹת (פֶּרֶק ג, מִשְׁנָה ד): "הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה" - כִּפְשׁוּטוֹ, דֶער וָואס אִיז אוֹיף בַּיינַאכְט אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, עֶר גִיסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ פַאַרְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהַמְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ יְחִידִי" - עֶר גֵייט אִין אַ פְּלַאץ וָואס קֵיינֶער גֵייט נִישְׁט דָארְט, "וְהַמְפַנֶּה לִבּוֹ לְבַטָּלָה" - צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הֲרֵי זֶה מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ" - וֶוערְט עֶר נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז מְחוּיָּב הַמְּצִיאוּת, אוּן עֶר וֶוערְט אוֹיךְ אַ מְחוּיָּב הַמְּצִיאוּת מִיט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; קוּק אַרַיין אִין דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער וָואס עֶר וֵויינְט אוֹיף דִי טָעוּת וָואס דִי אַפִּיקוֹרְסִים הָאבְּן, זֵיי זָאגְן אַז דִי וֶועלְט אִיז אַ פַאקְט וָואס מוּז זַיין, זָאגְט דֶער רֶבִּי, דָאס אִיז לִיגְנְט, וַוייל נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְחוּיָּב הַמְּצִיאוּת, אָבֶּער אַלֶע וֶועלְטְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אִיז

אֶפְשָׁרִי הַמְּצִיאוּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואלְט זֵיי וֶוען נִישְׁט גֶעדַארְפְט בַּאשַׁאפְן, און נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז זַיין, און דֶער רֶבִּי זָאגְט: "מֵאַיִן נִמְשָׁךְ הַטָּעוּת", פון ווִי קוּמְט צוּ זֵיי דֶער טָעוּת? ווַייל אֵיינְמָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, מוּז שׁוֹין זַיין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וְכוּ' וְכוּ', און וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד - בַּייְנַאכְט - בְּדֶרֶךְ יְחִידִי, הֲרֵי זֶה מִתְחַיֵּב, עֶר אִיז גוֹרֵם צוּ וֶוערְן מְחוּיָּב הַמְּצִיאוּת, עֶר און אַלֶע וֶועלְטְן וְכוּ', עַיֵּין שָׁם.

לֶערְן אַסַאךְ גְּמָרָא, לֶערְנֶען מַאכְט נִישְׁט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, עֶס קֶען זַיין אַז בַּיים לֶערְנֶען קוּמֶען זֵיי אַרוֹיס און זֵיי גֵייעֶן אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי ווִי וַואסֶער וָואס מֶען לֵייגְט אוֹיפְן פֵייעֶר, עֶס הֵייבְּט אָן קָאכְן און עֶס הֵייבְּט אָן אַרוֹיסְגֵיין שְׁמוּץ, וֶועט דֶען אֵיינֶער טְרַאכְטְן אַז דִי פֵייעֶר מַאכְט דִי שְׁמוּץ און דֶען גֶעבְּן אַן עֵצָה מֶער נִישְׁט אוֹיפְצוּקָאכְן וַואסֶער? נֵיין, נָאר וָואס דֶען? אִין דִי וַואסֶער אִיז בַּאהַאלְטְן שְׁמוּץ, און אַדְּרַבָּה, דוּרְךְ לֵייגְן אוֹיפְן פֵייעֶר - גֵייעֶן זֵיי אַרוֹיס (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עט), אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען גְמָרָא, מִשְׁנָיוֹת וְכוּ' - וֶועט זִיךְ אֶפְשָׁר דַאכְטְן אַז דִי גְמָרָא און מִשְׁנָיוֹת מַאכְן מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ', אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, עֶס אִיז נָאר מְטַהֵר, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת כב.), אוֹיפְן פָּסוּק (יִרְמְיָהוּ כג, כט): "'הֲלֹא כֹה דְבָרִי כָּאֵשׁ נְאֻם ה'', שֶׁאֵין דִּבְרֵי תוֹרָה מְקַבְּלִין טוּמְאָה".

אִיךְ שִׁיק דִיר צוּרִיק דֶעם בְּרִיוו קַיין לָאנְדָאן אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען מְחַיֵּ' זַיין, אוֹיךְ קֶענְסְטוּ יֶעדֶע וָואךְ אוֹיפְזוּכְן דִי קוּנְטְרֵס 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה', לֶערְן עֶס בְּקוֹל, כְּאִילוּ דִי בְּרִיוְון זֶענֶען פַאר דִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ, ווַייל אַלֶע בְּרִיוְון זֶענֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם פֶּערְזֶענְלִיךְ.

...

## זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, פַאר נָאךְ אַ וָואךְ וָואס מֶען קֶען לֶעבְּן אִין גַן עֵדֶן בְּזֶה הָעוֹלָם, אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען לֶעבְּן מֶער מִיט תַּכְלִית פַּאר דִי אוֹיגְן, אָן דַארְפְן לֶעבְּן צוּ גֶעפֶעלְן פַאר יֶענֶעם, יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע דְרָשׁוֹת, בְּרִיוו, חִיזוּק, אוּן פַאר דִי שְׁמֵייכְל.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט מִיטְטֵיילְן אַז אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעעֶנְדִיגְט דִי עֶרְשְׁטֶע בַּאנְד אֲשֶׁר בְּנַחַל אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי צְווייטֶע, אוֹיךְ הַאלְט אִיךְ סוֹף סֵפֶר אוֹצַר הָאֱמוּנָה אוּן סוֹף מִשְׁנָיוֹת.

נָאכְן לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרָא"שׁ וֶועגְן זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, אוּן אוֹיךְ וֶועגְן "וְהַחוּט הַמְשֻׁלָּשׁ לֹא בִמְהֵרָה יִנָּתֵק", דָאס הֵייסְט דִי דְרֵיי לִימוּדִים, לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת אוּן לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת, ווִיל אִיךְ ווִיסְן אַ דֶרֶךְ ווִי אַזוֹי מֶען קֶען עֶס מְקַיֵּים זַיין, צִי עֶס אִיז בִּכְלַל עֶפֶּעס וָואס אִיךְ דַארְף פְּרוּבִּירְן 'יֶעצְט' צוּ מְקַיֵּים זַיין, אַזוֹי ווִי אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ נָאךְ מִיט ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן דֶער יוֹם תְּהִלִּים, אוֹיךְ בִּין אִיךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אִין מַיין לִימוּד הַתּוֹרָה בִּכְלַל, עֶס קוּמְט מִיר אָן אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ בֶּאֱמֶת אַרוֹיסְהָאבְּן דִי סֻגְיוֹת פוּנֶעם "שִׁיעוּר בְּמִקְצָת עִיּוּן", לִמּוּדֵי הַכּוֹלֵל, אוּן דֶער דַף גְמָרָא, אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט צוּ זִיךְ דֶערְפְרֵייעֶן מִיט דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ קֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען; וָואס אִיז דִי וֶועג צוּ 'יָא' קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין אוּן שְׁפִּירְן דִי טַעַם אִין לֶערְנֶען?

יְיִשַׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר אַלֶעס, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט אַוֶועק פוּן זִיךְ אַזוֹי סַאךְ אַז מִיר זָאל קֶענֶען הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, שְׁכֹּחַ שְׁכֹּחַ, דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל גֶעבְּן אַסַאךְ כֹּחַ פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף וַוייטֶער, אוּן אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן אַלֶע קִינְדֶער, אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן תַּלְמִידִים.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶעבְּסְט אַ חַיִּים טוֹבִים מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַיין לֶעבְּן אִיז אַ לֶעבֶּעדִיגֶע זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן.

בְּנוֹגֵעַ תִּיקוּן חֲצוֹת; אַוַודַאי זָאלְסְטוּ זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, הֵייבּ אָן מִיט זָאגְן פַארְן גֵיין שְׁלָאפְן. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען דָאס צוּ זָאגְן אֵיידֶער מֶען גֵייט שְׁלָאפְן, אִינְאֵיינֶעם מִיט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה.

בְּנוֹגֵעַ דִי פְרַאגֶע וְהַחוּט הַמְשֻׁלָּשׁ לֹא בִמְהֵרָה יִנָּתֵק וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ, עֶס ווֶערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז דוּרְךְ לֶערְנֶען גְמָרָא - תַּלְמוּד בַּבְלִי - אִיז מֶען יוֹצֵא צוּ לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן גְמָרָא, דִי פּוֹסְקִים זָאגְן (רְמָ"א יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ"ו, סְעִיף ד), אַז מִיטְן לֶערְנֶען גְמָרָא אִיז מֶען מְקַיֵים וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קִידוּשִׁין ל.): "לְעוֹלָם יְשַׁלֵּשׁ אָדָם שְׁנוֹתָיו שְׁלִישׁ בְּמִקְרָא שְׁלִישׁ בְּמִשְׁנָה שְׁלִישׁ בְּתַלְמוּד"; אַזוֹי אוֹיךְ אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען אִיז יוֹצֵא דִי חוּט הַמְשֻׁלָּשׁ פוּן לֶערְנֶען לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת אוּן לִקּוּטֵי תְּפִילוֹת, וַוייל דִי סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל אִיז אַ תַּמְצִית פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן פוּן לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, אוּן אִיז אוֹיךְ פִיל מִיט תְּפִילוֹת.

אַז דוּ ווִילְסְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גֵיין אִין מִקְוֶה, אוּן נָאכְן מִקְוֶה זָאלְסְטוּ זָאגְן בִּרְכַּת הַתּוֹרָה - שְׁטַייט אוּן מִיט כַּוָונָה, אוּן בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "וְהַעֲרֶב נָא הַשֵּׁם אֱלֹקֵינוּ" - זָאלְסְטוּ וַויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "מַאךְ מִיר זִיס", אוּן בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "וְנִהְיֶה אֲנַחְנוּ וְצֶאֱצָאֵינוּ, (וְצֶאֱצָאֵי צֶאֱצָאֵינוּ), וְצֶאֱצָאֵי עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל, כֻּלָּנוּ יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ, וְלוֹמְדֵי תוֹרָתְךָ לִשְׁמָהּ" - זָאלְסְטוּ לָאזְן טְרֶערְן; דָאס אִיז דִי סוֹד פוּן זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶערְנֶען, אוּן בַּיי בִּרְכַּת קְרִיאַת שְׁמַע, אַהֲבַת עוֹלָם - זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ סְטַאנְצְיֶע, נִישְׁט אָפְּכִיפֶּערְן, נָאר וַויינֶען אוּן בֶּעטְן: "וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ, וְדַבֵּק לִבֵּנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ, וְיַחֵד לְבָבֵנוּ לְאַהֲבָה וּלְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ", דָאס אִיז דִי סוֹד ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טוֹעֵם זַיין מְתִיקוּת הַתּוֹרָה, אוֹיךְ בַּיי הַפְסָקָה אִין כּוֹלֵל זָאלְסְטוּ זִיךְ עֶרְגֶעץ בַּאהַאלְטְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

זַיי זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דַיינֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אוּן צוּ דַאוֶוענֶען, פְרֵיי זִיךְ מִיט יֶעדֶע פִּינְטֶעלֶע וָואס דוּ טוּסְט.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**שָׁלוֹם בַּיִת מֵיינְט נִישְׁט צוּ זַיין אַ קְנֶעכְט פַאר דִי וַוייבּ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נִישְׁט דָאס מֵיינְט שָׁלוֹם בַּיִת, זַיין אַ קְנֶעכְט פַאר דִי וַוייבּ; מִיר מַאכְן יֶעדְן טָאג אַ בְּרָכָה בַּיי בִּרְכַּת הַשַּׁחַר: ״שְׁכֹּחַ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי עָבֶד׳, אִיךְ בִּין קֵיינֶעמְ׳ס קְנֶעכְט, אִיךְ דִין קֵיינֶעם נִישְׁט, אִיךְ דִין נָאר דִיךְ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער״; שָׁלוֹם בַּיִת אִיז - רֶעדְן שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן אֵיידְל, שָׁלוֹם בַּיִת אִיז - נִישְׁט וֵויי טוּן, נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, נִישְׁט זִיךְ טַעְנָה׳ן אוּן נִישְׁט מַאכְן קַיין וִויכּוּחִים, אָבֶער נִישְׁט אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס זִי זָאגְט אוּן וָואס זִי הֵייסְט - דַארְף מֶען מַאכְן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ, אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן דוּ הָאסְט אַזַא טַייעֶרֶע וַוייבּ, אוּן אַז דַיין וַוייבּ פַארְלַאנְגְט פוּן דִיר זַאכְן וָואס דוּ בִּיסְט נִישְׁט בִּיכֹלֶת דָאס צוּ טוּן - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צֶעקְוֶועטְשְׁן, זָאלְסְט בְּלַייבְּן שְׁטַארְק אוּן פְרֵיילִיךְ, זָאלְסְט אִיר נִישְׁט וֵויי טוּן, זָאלְסְט נָאר זָאגְן אַז דָאס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ טוּן, נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר, דוּ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים דַיינֶע גֶעפִילְן, דֶערְצֵייל אִים דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, דֶערְצֵייל אִים וִוי דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ אַזוֹי צֶעקְוֶועטְשְׁט, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר

גֶעבְּן פַארְשְׁטַאנְד, דוּ זָאלְסְט וויסְן ווִי אַזוֹי צוּ בּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט - זַיין אַ קְנֶעכְט נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בֵּיידֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן אִינְטֶערְפִירְן, אֲפִילוּ עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִיבֶּער טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב, מַזָל טוֹב! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט בּוֹיעֶן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל מִיט הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זֵייעֶר אַ הַייקֶעלֶע (סֶענְסִיטִיוֶוע) זַאךְ, אַז יֶעצְט וֶוען דוּ גֵייסְט בּוֹיעֶן דַיין שְׁטוּבּ - זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה, דוּ זָאלְסְט לַאדֶענֶען בֵּיידֶע פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן קוּמֶען צוּ דִי חֲתוּנָה, אוּן זָאלְסְט יֶעדְן מוֹחֵל זַיין.

אִיךְ וֵייס אַז אִיךְ וֵייס גָארְנִישְׁט וָואס דוּ בִּיסְט אַלֶץ אַרִיבֶּער, ווִי מֶען הָאט דִיךְ גֶעפַּיינִיגְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דָאךְ דָאךְ דָאךְ, יֶעצְט וֶוען דוּ גֵייסְט בּוֹיעֶן דַיין שְׁטוּבּ, אַ הֵיים - דַארְפְסְטוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה וָואס בֶּעט זִיךְ דוּ זָאלְסְט רוּפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי זָאלְן דִיךְ אוּנְטֶערְפִירְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר, וֶוער נִישְׁט בֵּייז אוֹיף מִיר אוּן צֶערַייס נִישְׁט דִי בְּרִיוו, אוּן אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער - זָאלְסְטוּ עֶס טוּן. אִיךְ זָאג דִיר צוּ בְּהַבְטָחָה גְמוּרָה וַחֲזָקָה, אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט טוּן דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ, דוּ וֶועסְט לַאדֶענֶען בֵּיידֶע עֶלְטֶערְן, טַאטֶע אוּן מַאמֶע, אוּן זֵיי בֶּעטְן זֵיי זָאלְן דִיךְ אוּנְטֶערְפִירְן, אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען גֶע׳גֶט אוּן שׁוֹין נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה גֶעהַאט, זָאלְסְטוּ זִיךְ עַקְשְׁנ׳עֶן אַז דַוְקָא זֵיי זָאלְן דִיךְ אוּנְטֶערְפִירְן, זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז דוּ וֶועסְט זַיין אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אוּן דוּ וֶועסְט מַצְלִיחַ זַיין אוּן הָאבְּן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מְחַזֵק זַיין דַיין כַּלָה זִי זָאל אוֹיךְ רוּפְן אִירֶע עֶלְטֶערְן, וַוייל

ענק גייען דאך יעצט ברענגען דורות, איז וואס עפעס זאלן ענקערע קינדער ענק מכבד זיין...?

איך בעט איבער, און איך בעט: טו עס פאר די שכינה הקדושה, טו עס פאר דיר, פאר דיין עתיד, טו עס פארן אייבערשטן. טראכט פון זיך מוסר נפש זיין פארן אייבערשטן; וואלט א גוי געסטראשעט מיט א מעסער אז אויב דו גלייבסט אין באשעפער שטעכט ער אריין אין הארץ - וואלסטו זיכער געשריגן שמע ישראל... און זיך געלאזט שטעכן, און יעצט ווען עס איז שווער גייסטיש צו רופן די עלטערן - דארף מען טון רצון השם, אויפן פסוק (דברים ו, ה): "ובכל נפשך", זאגן די הייליגע חכמים (ברכות סא:): "אפילו נוטל את נפשך", טראומא וכו'.

...

### ווי אזוי קומסטו צום רבי'ן ראש השנה מיט א כלי טמא ומטמא?

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת עקב, ט"ז מנחם-אב, שנת תשפ"ו לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

עס איז דא א בריוו פון הייליגן רבי'ן געשריבן פאר אנשי שלומינו (מכתבי רבינו ז"ל בתחלת ספר עלים לתרופה, מכתב א), דער רבי שרייבט דעם לשון: **"דערמאנט אייך איטליכער ווי אזוי איך האב אייך געפונען"**; דער רבי פרעגט אונז אויב מיר געדענקען ווי אזוי מיר האבן אויסגעזען איידער אונזער התקרבות, דער רבי וויל מיר זאלן עס געדענקען, מיר זאלן אלץ מכיר טובה זיין דעם רבי'ן און אלץ דאנקען דעם אייבערשטן, ווי אזוי מיר האבן אויסגעזען אנעם צדיק, ווייל דאס וועט אונז געבן כח צו בלייבן ביים צדיק, מיר זאלן נישט שוואך ווערן פון די מניעות, חלישות הדעת, בלבולים וכו'.

זיי זיך נישט מבלבל פון קיינעם, און ווער נישט אויסער זיך אז מען האט געלאכט און געשפעט פון דיר וכו'; לאכן לאכט דער וואס לאכט ביים סוף, יעצט קען מען לאכן פון ברסלב'ע חסידים, יעצט קען מען לאכן פון

סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, מֶען קֶען לַאכְן פוּן חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה, אָבֶּער וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶעם לֶעצְטְן טָאג - דֶעמָאלְט וֶועט דֶער בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד וָואס הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת - קֶענֶען לַאכְן, עֶס וֶועט זַיין (מִשְׁלֵי לא, כה): "וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן".

נָאכְאַמָאל בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, וַוארְף אַוֶועק דַיין סְמַארְטְפָאוֹן, וַוארְף אַוֶועק דַיין טֶעבְּלֶעט; וִוי אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען דוּ הָאסְט אַ כְּלִי טָמֵא וּמְטַמֵּא? דוּ פַארְטְרַייבְּסְט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה פוּן דַיין שְׁטוּב, דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים כג, טו): "כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ לְהַצִּילְךָ וְלָתֵת אֹיְבֶיךָ לְפָנֶיךָ, וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ, וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר, וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן הֵיילִיג, וַוייל אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ נִישְׁט פִירְן הֵיילִיג וֶועל אִיךְ אַוֶועק גֵיין פוּן אַייךְ"; דִי כֵּלִים פַארְטְרַייבְן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, אִיךְ בֶּעט דִיר, טוּ עֶס פַאר דִיר, פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת עֵקֶב, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד שְׁלֹמֹה מִינְצְבֶּערְג נֵרוֹ יָאִיר, מַזְכִּיר מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַלֶע דַיינֶע בְּרִיווּ.

וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן, אוּן אַז עֶס דְרִיקְט, אוּן אַז מֶען קְוֶועטְשְׁט דִיר - אִיז יֶעצְט צַייט צוּ נִיצְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, אוּן וִויסְן זָאלְסְטוּ, אַ מוֹסָד פַארְמַאכְט זִיךְ נִישְׁט וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט, וָואס יָא? אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן, אוּן אַז אֵיינֶער וִויל אוּנְטֶער גְרָאבְּן דֶעם צְוֵוייטְן, דָאס אִיז דִי סִיבָּה פוּן וֶוערְן פַארְמַאכְט.

וַוארְט, לוֹיף נִישְׁט אַוֶועק פַאר שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ, וַוייל דִי יְשׁוּעָה אִיז שׁוֹין כִּמְעַט דָא, נָאר אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, זֶע עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וַוייל אִין דֶעם לִיגְט אוּנְזֶער הַצְלָחָה. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב): "דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס הֶערְשְׁט צְוִוישְׁן אַייךְ", אוּן מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, יֶעדְן דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן, אָבֶּער דֶער דִיבּוּר נָאכְנִישְׁט, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַזוֹיפִיל גֶעוֵויינְט אוּן אוּנְז גֶעבֶּעטְן אַז מִיר תַּלְמִידֵי "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאגְן נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים, וֶועט בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... אוּן דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'**

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן אַז עֶס אִיז דָא גוּטֶע נֵייעֶס בַּיי עֶנְק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דַיין וַוייבּ זָאל אוֹיסְטְרָאגְן וְכוּ', אוּן הָאבְּן גְרִינְג מִיט נַחַת אוּן פְרֵייד.

דָאס וָואס עֶנְק זֶענֶען אַ גַאנְצֶע צַייט הָאלְבְּוֶועגְס פְרֵיילִיךְ, וַוייל עֶנְק הָאבְּן שׁוֹין אַמָאל גֶעמֵיינְט אַז עֶנְק וֶועלְן הָאבְּן וְכוּ', אוּן בַּיים סוֹף הָאט זִיךְ עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט, אוּן יֶעצְט ווילְן עֶנְק נִישְׁט גְלֵייבְּן וְכוּ', וַוייל עֶנְק טְרַאכְטְן: 'פַארְוָואס זָאלְן מִיר אַרוֹיפְפְלִיעֶן אוּן זַיין אוֹיף אַ הַיי, אוּן נָאכְדֶעם אַרָאפְּטְרַאסְקֶען', עֶנְק דַארְפְן אַן עֵצָה.

נֶעם דִי עֵצָה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן פַאר אַלֶעמֶען, דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַלֶעמֶען זָאגְן אוּן שְׁרַייבְּן, מֶען זָאל זָאגְן שֵׁמוֹת הַצַדִיקִים אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל אוֹיסְטְרָאגְן וְכוּ' אוּן הָאבְּן גְרִינְג אוּן מִיט גְרוֹיס פְרֵייד. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק חֵלֶק ב, סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דוּרְכְן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים - קֶען מֶען טוֹישְׁן דִי טֶבַע.

דֶערִיבֶּער אִיז גוּט מֶען זָאל זָאגְן כְּסֵדֶר דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט אוֹיסְנְוֶוייניג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, מֹשֶׁה, אַהֲרֹן, יוֹסֵף, דָּוִד אוּן שְׁלֹמֹה, רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רַבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רַבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רַבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען זָאגְן דִי תְּפִלָּה: "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, אִין דִי זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִּיקִים, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן זֵייעֶר מְסִירַת נֶפֶשׁ, ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַאר דֵיינֶעט וֶועגְן, זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל אוֹיסְטְרָאגְן דִי אַלֶע חֲדָשִׁים אוּן גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִּידִים; אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע'ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיךְ נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, יְ"יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֶערְנֶען נָאר מִיט כַּלוֹת וָואס דִי מַאמֶע בֶּעט עֶס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן מָרַת לֶעזֶער תְּחִיֶ', מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זֵייעֶר גוּט אַז דִי קְלֵיינֶע מֵיידְלֶעךְ זֶענֶען נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִי שִׁיפְן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַז מִטַּעַם הַמּוֹסָד זָאלְן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער גֵיין אוֹיף אַ שִׁיף, קְלֵיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען פְרֵיילִיךְ בִּיז גָאר מִיט יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס מֶען מַאכְט

מִיט זֵיי, דָאס טְרָאגְן צוּ אַ טִיר-גָארְטְן (זוּ) – דָאס אִיז שׁוֹין דִי בֶּעסְטֶע טְרִיפּ.

בְּנוֹגֵעַ שִׁיעוּרִים פַּאר כַּלוֹת; אִיךְ וִויל נָאכְאַמָאל דֶערְמַאנֶען אַז דִי מוֹסָד גֶעבְּט נִישְׁט קַיין כַּלָה שִׁיעוּרִים פַּאר דִי תַּלְמִידוֹת, דָאס מֵיינְט אַז אִיר קֶענְט לֶערְנֶען מִיט אַ כַּלָה נָאר נָאכְדֶעם וָואס דִי מַאמֶע בֶּעט אַייךְ אוּן בַּאשְׁטֶעלְט אַייךְ. אוּן אַז אַ כַּלָה פְרֶעגְט, זָאלְט אִיר זָאגְן: ״אִיךְ לֶערְן נָאר אַז דַיין מַאמֶע וֶועט מִיר בֶּעטְן״, עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז דִי טָאכְטֶער קוּמְט זָאגְן בְּשֵׁם דִי מַאמֶע, אוּן אַז דִי מַאמֶע שִׁיקְט צוּ אַ צְוֵוייטְן אִיז גָאר גוּט, אוּן דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען, וַוייל מֶען וֶוערְט צֶעמִישְׁט.

אִיךְ הָאבּ דָאס בַּיי דִי בָּחוּרִים, עֶלְטֶערְן שִׁיקְן צוּ פְּרָאפֶעשֶׁענֶעלְס אוּן נָאכְדֶעם בֶּעטְן דִי חֲתָנִים אִיךְ זָאל אוֹיךְ לֶערְנֶען, אִיךְ טוּ דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט, וַוייל דָאס צֶעמִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַיין קָאפּ אוּן הַארְץ אִיז אִין דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד יִצְחָק פָּאפְּנְהֵיים נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי בַּארִיכְט.

וָואס הֵייסְט אִיךְ בִּין נִישְׁט דָא? וָואס הֵייסְט אִיךְ הָאבּ נִישְׁט שַׁיְיכוּת מִיט עֶנְק? עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, אִיךְ בִּין יָא דָא מִיט עֶנְק, אוּן אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן דַיינֶע טֶעגְלִיכֶע בַּארִיכְטְן פוּן דִי מוֹסָד, יֶעדֶע פְּרַט פוּן יֶעדְן תַּלְמִיד אוּן תַּלְמִידָה, מַיין קָאפּ אוּן הַארְץ אִיז דָארְט אַזוֹי וִוי אִין אַמֶערִיקֶע. אוּן דָאס וָואס דוּ טַעֲנָה׳סְט אַז אִיךְ קוּם נִישְׁט, אִיךְ קוּם נָאר אֵיין מָאל אַ יָאר וְכוּ׳; אִיךְ וִויל דִיר פְרֶעגְן, וִוי אִיז שַׁיָיךְ אִיךְ זָאל קוּמֶען, אִיבֶּער לָאזְן מַיין וַוייבּ מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער? אִיךְ פָּאר שׁוֹין אַוֶועק קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיךְ קוּם אִיךְ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אֵיין מָאל אַ יָאר, וִוי קֶען אִיךְ דָאס טוּן צוּ מַיין מִשְׁפָּחָה?

איך האב הנאה יעדע מאל דו שיקסט מיר א באריכט פון חדר; אמאל פלעגסטו שיקן יעדן טאג, לעצטנס האסטו אויפגעהערט שיקן, איז ווי אזוי קען איך זיין מיט ענק ווען מען דערציילט נישט וכו׳? איך האב הנאה פון די פראגראם פון די מטבעות בימי חז"ל, ווי מען ארבעט מיט די קינדער זיי זאלן זיך פירן מיט דרך ארץ, און יעדע מאל באקומט מען א קארטל, א מטבע, און אלץ טוישט מען דאס אויף אויף העכערע מטבעות, אזוי לערנען זיך די קינדער אויס די נעמען פון די מטבעות, וועט זיי זיין גרינגער צו לערנען גמרא.

זייער גוט אז דו פארמאכסט די קווארטיר אין ירושלים, געענדיגט מיט די קווארטיר, עס מעג נישט זיין א דירה אן קיין אחריות, און אויך אז די בחורים קומען נישט צייטליך - וואס דארף מען די גאנצע זאך?

איך בין נישט צופרידן אז דו האסט פינף איינגעשטעלטע פאר דרייצן קינדער אין די חדר אין שטאט טבריה; זיי מיר מסביר וואס דארפן זיי פינף מלמדים? דאס איז הפקרות, דאס איז נישט ריכטיג; זע צו פארשיקן דריי מלמדים, עס פעלט נישט אויס מער ווי צוויי מלמדים. איך האב יעצט פארשיקט פון די ווילְיאמסבורג חדר מלמדים, ווייל רוב אנשי שלומינו האבן זיך אוועק געצויגן אין שטעטל, עס זענען געבליבן דריי קינדער א כתה, ווי קען איך אויסהאלטן א מלמד, אים צאלן א יאר געהאלט - פאר דריי קינדער?

אויך וויל איך דיר בעטן, אז היות די חדר אין בית שמש ווערט גרעסער און גרעסער זאלסטו זיך אריינלייגן בעיקר דארט צו זיין מנהל, איך וועל רעדן צו יוסל ער זאל זיין דער מנהל אין זיין חדר אין טבריה, מען דארף נישט א מנהל מיט מלמדים פאר דרייצן קינדער. אין בית שמש איז דא פופציג קינדער כן ירבו, דארף מען יא האבן נאך מלמדים; וויל איך דיר בעטן דו זאלסט אויפנעמען נאך צוויי מלמדים, (און אויב דו וועסט מער נישט זיין טרוד מיט פארן קיין טבריה, אפשר קענסטו אליינס זיין א מלמד).

בנוגע די מיטינג וכו׳; זייער גוט אז דו האסט נישט קיין שום שייכות מיט די געלט, אזוי וויל איך דו זאלסט ווייטער טון, אזוי וועסטו קענען לייגן

דַיין קָאפּ נָאר אִין חֵדֶר, זֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען לִיבְשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט אִינְאֵיינֶעם מִיט אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיךְ הָאף בְּקָרוֹב וֶועט מֶען קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע מְלַמְדִים אוּן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַּאר ר׳ אַהֲרֹן וֶועבֶּערְמַאן עֶר זָאל עֶנְק זָאגְן אַז אִין אַמֶעריקֶע הָאט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט גֶעצָאלְט דִי מְלַמְדִים, מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶנְק זֶענֶען אַזוֹי וִוי אַ שְׁטִיף קִינְד, אוּן כְּאִילוּ אִין שְׁטֶעטְל אִיז יָא דָא צוּ צָאלְן, דָא אִיז מֶען אוֹיךְ צֶעדְרִיקְט, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בְּקָרוֹב מַמָּשׁ וֶועט זַיין אַ נֵס, מֶען וֶועט אַלֶעמֶען בַּאצָאלְן.

עֶס אִיז גוּט אַז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַזַא מַצָּב, אַזוֹי קֶען מֶען אַוֶועק שְׁטֶעלְן דִי חֵדֶר אוּן דִי בֵּית פֵּיגָא רִיכְטִיג, נִישְׁט שְׁוֶועוְדְן גֶעלְט אִין מִיסְט, (וָואס אַזוֹי אִיז דִי פַּאקְט, אַז וֶוען עֶס גִיסְט גֶעלְט קֶען מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס מֶען דַארְף טַאקֶע אוּן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט).

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, אוּן לֵייג אַרַיין אַ שִׂמְחָה אִין דִי קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ פַּארְגֶעס נִישְׁט פוּן דִי מְלַמְדִים, זֵיי גֶעבְן וַוארֶעמְקֵייט; אַז דוּ וֶועסְט שְׁמֵייכְלֶען צוּם מְלַמֵד, דוּ וֶועסְט גֶעבְן פַּארְן מְלַמֵד אַ גוּט וָוארְט; נִישְׁט אַ גֶעמַאכְטֶע וָוארְט, אַן אֱמֶתְ׳עֶ גוּט וָוארְט - וֶועט עֶס אִים שְׁטַארְקְן, עֶס וֶועט אִים גֶעבְן כֹּחַ צוּ קֶענֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי כִּתָּה, אַלֶע תַּלְמִידִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶנְדֶערְשׁ צוּרִיק גֵיין וואוֹינֶען שְׁטָאט, וִוי אַ פְּרוֹי זָאל דְרֵייוְון

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחִיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַייעֶר מַאמֶע הָאט נִישְׁט גֶעדְרֵייוְוט, אַייעֶר בַּאבֶּע הָאט נִישְׁט גֶעדְרֵייוְוט, אִיז וָואס זוּכְט אִיר נֵייעֶ וֶועגְן? אִיר ווִילְט דָאךְ אוֹיךְ אַז אַייעֶרֶע טֶעכְטֶער זָאלְן הַאלְטְן אַייעֶר מְסוֹרָה; קְלַאפְּט עֶס אַרוֹיס פוּן קָאפּ.

אוֹיבּ קֶענְט אִיר נִישְׁט דָא וואוֹינֶען נָאר אַז אִיר דַארְפְּט דְרֵייוְון, זָאג אִיךְ אַייךְ קְלָאר: "עֶנְדֶערְשׁ גֵייט צוּרִיק אִין שְׁטָאט".

זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין אוּן דֶעם יוֹם תְּהִלִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִין אָנְהוֹיבּ גֵייט דִי מוֹסְדוֹת אַבִּיסְל שְׁוֶוער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**אַהֲרֹן וֶועבֶּערְמַאן נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען וַוארֶעם צוּ הֶעלְפְן דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע מוֹסְדוֹת, אוּן אִיךְ זֶע שׁוֹין אַז מֶען וֶועט קֶענֶען אַוֶועק שְׁטֶעלְן אַ וֶועג צוּ בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

זַיי מְחַזֵק דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה זֵיי זָאלְן נִישְׁט ווערְן צֶעפַּאלְן וֶוען עֶס אִיז אַרִיבֶּער צְוֵויי חֳדָשִׁים אָן בַּאצָאלְן, דֶערְצֵייל זֵיי ווִי מִיר הָאבְּן דָא גֶעלֵייגְט בְּלוּט, אַ גַאנְצֶע יָאר זֶענֶען מְלַמְדִים גֶעזִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער אָן וֶוערְן בַּאצָאלְט, אִיז מַה כָּל הָרַעַשׁ אַז יֶעצְט וֶוען מֶען הַאלְט בַּיים אָנְהֵייבּ אוּן עֶס גֵייט אַרִיבֶּער צְוֵויי חֳדָשִׁים אָן בַּאצָאלְן זֵיי זָאלְן אַזוֹי פַּארְפִירְן... פְרֶעג אַהֲרֹן שְׁלֶעזִינְגֶער וָואס אִיז דָא צוּ מַאכְן אַזַא גֶעוַואלְד...

זַיי מְחַזֵק דִי הַנְהָלָה עֶס זָאל זַיין לִיבְשַׁאפְט צְוִוישְׁן אוּנְז, וַוייל נָאר אִין דֶעם אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אוּנְזֶער הַצְלָחָה, אוּן הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ בֶּעטְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן דִיר הֶעלְפְן שְׁטִיצְן דִי מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ.

כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## הֶער אוֹיס דִי שִׁיעוּר אִין הִלְכוֹת שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרער לִיבֶּער נַחְמָן נָתָן**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ חָתָן גֶעוָוארְן, דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ טַייעֶרע אֵיידֶעלֶע כַּלָה תִּחְיֶ׳ ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ הֵיילִיגֶע שְׁטוּב.

זֶע צוּ לֶערְנֶען הֲלָכָה ; יֶעצְט זוּמֶער זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען בַּיי דַיין בְּרוּדֶער הָרַב אֶלְחָנָן חַיִים, הֶער אוֹיס דִי שִׁיעוּר אִין הִלְכוֹת שַׁבָּת, דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע נַחַת, אַז דוּ לֶערְנְסְט אוּן אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ בְּיִרְאַת הַשֵּׁם.

פוּן דַיין טַאטֶע וָואס הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

## נֶעמֶען מֶעדֶעצִין פַאר דֶעפְּרֶעסְיֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעם מֶעדֶעצִין פַאר דֶעפְּרֶעסְיֶע, אוּן אַזוֹי, וֶוען דוּ וֶועסְט זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת - וֶועסְטוּ קֶענֶען זִיךְ הֵיילְן ; וַוייל אַמָאל אַז מֶען אִיז אַרִיבֶּער וָואס מֶען אִיז אַרִיבֶּער, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן שְׁבִירַת הַכֵּלִים, דַארְף מֶען אַ סַעַד לְתָמְכוֹ, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען נֶעמֶען מֶעדֶעצִין, אוּן דֶעמָאלְט קֶען מֶען נִיצְן דִי סְגוּלוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט מִיט דֶעם וָואס דוּ דַארְפְּסְט נֶעמֶען מֶעדֶעצִין, עֶס אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט וֶוען מֶען דַארְף דָאס הָאבְּן וְכוּ׳ ; אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק דַארְף מֶער וֵויי טוּן, אֵיין שְׁלֶעכְטֶע וָוארְט דַארְף וֵויי טוּן, אוּן אַז מֶען דַארְף נֶעמֶען מֶעדֶעצִין - אִיז גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט.

הָעִקָּר פְרֵיי זִיךְ מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה טוֹבָה, מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אֱמוּנָה, פְרֵיי זִיךְ מִיט שְׁמִירַת שַׁבָּת, מִיט מְזוּזָה וְכוּ׳.

...

## דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועט מַאכְן דַיין אֱמוּנָה לוֹיטֶער און קְלָאר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא"י), י' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער עִיקָר בָּזֶה הָעוֹלָם אִיז "זִיךְ דֶערְהַאלְטְן", מִיט דֶעם מֶעסְט זִיךְ דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער און דֶער מֶענְטְשׁ בְּלַייבְּט שְׁטַארְק מִיט דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת און תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בְּלַייבְּט מִיט תְּמִימוּת, מִיט אֱמוּנָה.

חַזֵר אֱמוּנָה, חַזֵר זִיךְ: 'מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַלֶעס אִיז אֱלֹקוּת, אַלֶעס אִיז אַ לְבוּשׁ פַאְרן אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא'; דוּרְךְ חַזֶר'ן אֱמוּנָה וֶוערְט אַלֶעס גְרִינְגֶער, דִי נֶערְוֶוען וֶוערְן גֶעשְׁטַארְקְט, מֶען קֶען נֶעמֶען דִי שְׁוֶועריקֵייטְן.

מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועט דַיין אֱמוּנָה וֶוערְן לוֹיטֶער און קְלָאר, וַוייל דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם צַדִיק הָאֱמֶתִּי בַּאקוּמֶען אַ לוֹיטֶערֶע קְלָארֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח).

קוּם צוּם לֵיל שִׁשִּׁי שִׁיעוּר, וֶועסְט בַּאקוּמֶען פְרִישֶׁע לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְבֶּעסֶערְן דִי שָׁלוֹם בַּיִת אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ שַׁבָּת בֶּענְטְשְׁט מֶען שׁוֹין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען פּוֹעֵלְ'ן גְרוֹיסֶע זַאכְן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן פז), אַז חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז מְסוּגָל פַאר אַ שִׁידוּךְ, וַוייל סוֹד כַּוָּנַת אֱלוּל אִיז (יְשַׁעְיָהוּ מג, טז): "הַנּוֹתֵן בַּיָּם דָּרֶךְ" וְכוּ'.

אויךְ אִיז חוֹדֶשׁ אֱלוּל מְסוּגָל צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, וַוייל דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה - וֶוערְט דִי וַוייבּ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּם גוּטְן, בִּבְחִינַת "זָכָה, עוֹזַרְתּוֹ"; דִי גַאנְצֶע שָׁלוֹם בַּיִת אִיז גֶעוָואנְדְן אִין קְדוּשַּׁת הַיְּסוֹד, אוֹיבּ מֶען אִיז פּוֹגֵם חַס וְשָׁלוֹם, אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן אַ שִׁידוּךְ - אִיז נִישְׁטָא קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, בִּבְחִינַת: "לֹא זָכָה, כְּנֶגְדּוֹ"; וָואס דֶער מַאן וִויל - וִויל דִי פְּרוֹי פַארְקֶערְט פוּן אִים, אוּן מֶען קְרִיגְט זִיךְ טָאג אוּן נַאכְט.

דֶערְפַאר, יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַן אֱמֶתְ'עֶ שָׁלוֹם בַּיִת דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען פַארְעֶכְט וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועְן, דוּרְךְ זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן, נִישְׁט קוּקְן קַיין עֲבֵירוֹת, אוּן נִישְׁט טוּן חַס וְשָׁלוֹם קַיין עֲבֵירוֹת, אוּן דֶער עִיקָר - דוּרְךְ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר קָבוּעַ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, אוּן מַקְפִּיד זַיין צוּ דַאוְונֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַוְקָא, אוּן דוּרְךְ פַארְמֶערְן צוּ טוּן גְּמִילַת חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, בִּפְרַט אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, הֶעלְפְן דִי וַוייבּ, זִיךְ נִישְׁט זוּכְן תֵּירוּצִים אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן שְׁטוּבּ - דַאן בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק דִי שָׁלוֹם בַּיִת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעמוּסָר'ט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד), אַז מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ אוּן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִיר, וַוייל זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל צַעַר אִין לֶעבְּן מִיטְן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אוּן מִיטְן עֶרְצִיעֶן דִי קִינְדֶער; מֶען מוּז מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר, אוּן זִיךְ נִישְׁט טַעֲנָה'ן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ, שֶׁמִּתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה אוֹנָאָתָהּ קְרוֹבָה", מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען דִי וַוייבּ, וַוייל דִי נַאטוּר בַּיי וַוייבֶּער אִיז אַז זֵיי וֵויינֶען שְׁנֶעלֶער, אוּן דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע פְּגַם הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז אַ צַייט פוּן רַחְמָנוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת רְאֵה, י״ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, ווילְיַאמְסְבּוּרְג**

אַ גְרוּס פוּן דַיינֶע טַייעֶרֶע זִיסֶע קִינְדֶער, אַלֶע פִירְן זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן זֵיי.

דִי וָואךְ שַׁבָּת בֶּענְטְשְׁט מֶען שׁוֹין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז אַן אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע צַייט, אוּן דֶערְפַאר קֶענֶען דָאס אַ טֵייל מֶענְטְשְׁן נִישְׁט פַארְנֶעמֶען, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע טָעוּת, חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז אַ צַייט פוּן רַחְמָנוּת, דִי טֶעג זֶענֶען יְמֵי הָרַחֲמִים וְהָרָצוֹן, יָדוֹ פְּתוּחָה לְקַבֵּל שָׁבִים, וָואס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הַאנְט אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט פַאר אַלֶע וָואס טוּעֶן תְּשׁוּבָה, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף אוּנְז, מִיר זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים, אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל מִיט תְּשׁוּבָה אוּן מִיט מַעֲשִׂים טוֹבִים, עֶר פְרֵייט זִיךְ אוּן הָאפְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵייט זִיךְ מִיט וָואס מִיר טוּעֶן אוּן הָאט אוּנְז לִיבּ; וַוייל אַזוֹי וִוי אַלֶע מִצְווֹת דַארְף מֶען טוּן מִיט שִׂמְחָה, דַארְף מֶען אוֹיךְ טוּן דִי מִצְוָה פוּן תְּשׁוּבָה מִיט שִׂמְחָה, מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס קִינְדֶער, אוּן אַז מִיר קֶענֶען זִיךְ צוּרִיק קֶערְן אוּן אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם הָאבְּן עַצְבוּת אוּן מְרִירוּת, וַוייל דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז זִיךְ צוּ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן עַצְבוּת אוּן פוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר פַיינְט עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, דָאס אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא רַחֲמָנָא לִצְלָן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מח), אוּן דָאס אִיז דִי סִימָן צִי מֶען אִיז בַּיי דִי קְדוּשָׁה אָדֶער בַּיי דִי אַנְדֶערֶע זַייט; אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - אִיז מֶען בַּיי דִי קְדוּשָׁה, אוּן אוֹיבּ מֶען אִיז בְּעַצְבוּת - אִיז מֶען בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע רַחֲמָנָא לִצְלָן; ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס רֶעכְט אָפּ דִי טֶעג מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, וֶועט עֶר הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תְּשׁוּבָה טוּן אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**
**... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ שַׁבָּת בֶּענְטְשְׁט מֶען שׁוֹין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל וֶוערְט יֶעדֶער אִיד זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר צוּ תְּשׁוּבָה, יֶעדֶער אֵיינֶער זוּכְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דֶער עִיקָר וֶועג צוּ תְּשׁוּבָה אִיז צוּ זַיין: "בָּקִי בְּרָצוֹא, וּבָקִי בְּשׁוֹב", 'בָּקִי בְּרָצוֹא', מֶען דַארְף וִויסְן וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט אַלְץ הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, אוּן אַז וִויפִיל מֶען טוּט אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם דַארְף מֶען אַלְץ בֶּענְקֶען, וֶועלְן אוּן גְלוּסְטְן - צוּ טוּן נָאךְ מֶער, אוּן אוֹיךְ דַארְף מֶען זַיין 'בָּקִי בְּשׁוֹב', מֶען דַארְף וִויסְן אַז אוֹיךְ וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ, מֶען זֶעט זִיךְ אַזוֹי וַוייט פוּן יֶעדֶע סָארְט מַדְרֵיגָה פוּן קְדוּשָּׁה, אוֹיךְ דָארְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אוֹיךְ אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין - אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין - צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ו): "וּכְשֶׁרוֹצֶה אָדָם לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי הַתְּשׁוּבָה", וֶוען מֶען ווִיל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "צָרִיךְ לִהְיוֹת בָּקִי בַּהֲלָכָה", דַארְף מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְקֶענֶען וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט, "וְצָרִיךְ לִהְיוֹת לוֹ שְׁנֵי בְּקִיאוּת", צוּ הָאבְּן דִי צְוֵויי הַקְדָּמוֹת, "הַיְנוּ בָּקִי בְּרָצוֹא, בָּקִי בְּשׁוֹב", פוּן בָּקִי בְּרָצוֹא אוּן בָּקִי בְּשׁוֹב, סַיי וֶוען מֶען אִיז מַצְלִיחַ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען קוּקְט זִיךְ אָן וִוי מֶען אִיז שׁוֹין הוֹיךְ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קלט, ח): "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם", אֲפִילוּ אִיךְ בִּין אִין הִימְל, דָאךְ דַארְף אִיךְ בֶּענְקֶען צוּ גֵיין נָאךְ הֶעכֶער, 'שָׁם אָתָּה', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאךְ הֶעכֶער, אוּן סַיי וֶוען עֶס אִיז 'וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל', מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִצְלָן, 'הִנֶּךָּ', אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ דָא מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, נָאר אַז מֶען הָאט דִי בֵּיידֶע הַקְדָּמוֹת - קֶען מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל מִיט דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן טוּן גְּמִילַת חֲסָדִים, אַלְץ פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן מֶער אוּן מֶער, אוּן אוֹיךְ וֶוען מֶען זֶעט זִיךְ אַזוֹי וַוייט, מֶען אִיז אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען: 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, אוּן

אוֹיךְ אִיךְ קֶען נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אוּן צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת רְאֵה, י״ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ בֶּענְטְשְׁט מֶען שׁוֹין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מִיר בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ חֲסִידִים פַּאסְטְן נִישְׁט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַנְדֶערֶע תִּיקוּנִים, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי תִּיקוּן פוּן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ו): ״עִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק״, אָפְּשְׁוַוייגְן וֶוען אֵיינֶער פַארְשֶׁעמְט; דָאס אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע תִּיקוּן, דָאס אִיז מְכַפֵּר אוֹיף אַלֶעס.

אוֹיךְ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין בִּזְיוֹנוֹת קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְרוֹיסֶע תִּיקוּן - דוּרְךְ אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע בִּזְיוֹנוֹת; דָאס הֵייסְט, וֶוען מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, מֶען זֶעט זִיךְ וִוי אַ דוּרְכְפַאל, אַז מֶען הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן נַייעֶ קַבָּלוֹת טוֹבוֹת, שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל צוּגֶעזָאגְט אַז מֶען גֵייט מֶער נִישְׁט טוּן עֲבֵירוֹת - אוּן מֶען פַאלְט אַרָאפּ; מֶען זֶעט זִיךְ זַיין אַזוֹי וַוייט, מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, אוּן מֶען וַויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶע מָאל זָאגְט אִיךְ צוּ אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין, אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן, אוּן אַלְץ פַאל אִיךְ צוּרִיק, אוּן אִיךְ וֶוער נָאר וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער פוּן דִיר, אָבֶּער גְלֵייבּ מִיר אַז אִיךְ גֵיי טַאקֶע זַיין גוּט וְכוּ׳״; אַזַא אֵיינֶער אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה צוּ: ׳יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק׳; וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת יב:): ״כָּל הָעוֹשֶׂה דְּבַר עֲבֵירָה וּמִתְבַּיֵּשׁ בּוֹ״, דֶער וָואס הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוּן עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן - ״מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲווֹנוֹתָיו״, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת.

עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חַבֵר, נִיץ אוֹיס דִי טֶעג פוּן ׳חוֹדֶשׁ אֱלוּל׳ מִיט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ מוֹחֵל זַיין אוּן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן אַלֶע פְּגָמִים אוּן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע רְגִילוּת, בִּפְרַט פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן. נִיץ אוֹיס דִי טֶעג פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן פז), אַז אִין דֶעם חוֹדֶשׁ קֶען מֶען מְתַקֵן זַיין דֶעם חֵטְא; אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן, אָבֶּער דֶער חוֹדֶשׁ קוּמְט אַרָאפּ פוּן הִימְל פַאר יֶעדְן אִיד אַ גְרוֹיסֶער כֹּחַ זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי נִסָיוֹן, אוּן צוּ קֶענֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## תְּשׁוּבָה טוּן אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ שַׁבָּת בֶּענְטְשְׁט מֶען שוֹין חוֹדֶשׁ אֱלוּל; אַ גַאנְץ יָאר קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, וֶוען אִימֶער אַ מֶענְטְשׁ בַּארֶעכְנְט זִיךְ אוֹיף זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים - קֶען עֶר תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער נָאךְ מֶער אִיז יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל; יֶעצְט אִיז אַסַאךְ מֶער מְסוּגָל צוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן, דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ זֶענֶען דִי טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל אָפְן, עֶס שַׁיינְט דִי י"ג מִידוֹת שֶׁל רַחֲמִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, ׳יָדוֹ פְּשׁוּטָה לְקַבֵּל שָׁבִים׳, זַיין רֶעכְטֶע הַאנְט אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט צוּ אַלֶע וָואס טוּעֶן תְּשׁוּבָה.

עַל כֵּן זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל מִיט גוּטֶע זַאכְן, בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ אִין דִי טֶעג זָאגְן תְּהִלִּים, פְּרוּבִּיר צוּ זָאגְן דֶעם "יוֹם תְּהִלִּים" יֶעדְן טָאג, אוּן אַז דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן דָאס צוּ טוּן, זָאלְסְטוּ זָאגְן וִויפִיל עֶס אִיז דִיר שַׁיָיךְ, וַוייל זָאגְן תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל

בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס ווִיל זִיךְ צוּרִיקקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים, ווייל תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָּל צוּ תְּשׁוּבָה; "וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִין, שֶׁבִּימֵי תְּשׁוּבָה, דְּהַיְנוּ בֶּאֱלוּל וַעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְשׁוּבָה, כָּל יִשְׂרָאֵל עוֹסְקִין אָז בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה כַּנַּ"ל", אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אִין דִי טֶעג פוּן אֱלוּל אוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה זֶענֶען אַלֶע עוֹסֵק אִין זָאגְן תְּהִלִּים, ווייל דָאס אִיז מְסוּגָּל צוּ תְּשׁוּבָה, "וְעַל כֵּן, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד לַעֲסֹק תָּמִיד בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי תְּהִלִּים הוּא הִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחַז בּוֹ", דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק זַיין אִין זָאגְן תְּהִלִּים.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִין דִי טֶעג גֵיין צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכָךְ", אֲפִילוּ דֶער ווָאס אִיז נִישְׁט רָאוּי מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען זַיינֶע תְּפִלּוֹת, אָבֶּער בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר מְסוּגָּל אַז אַלֶע תְּפִלּוֹת זָאלְן ווערְן אָנְגֶענוּמֶען; זַיי מִתְפַּלֵּל פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה, עֶס זָאל עֶנְק קוּמֶען אַ גוּט יָאר, עֶס זָאל זַיין: 'תִּכְלֶה שָׁנָה וְקִלְלוֹתֶיהָ', דִי יָאר מִיט דִי צָרוֹת זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן, 'תָּחֵל שָׁנָה וּבִרְכוֹתֶיהָ', עֶס זָאל קוּמֶען אַ זִיסֶע יָאר מִיט יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת, ווייל אַזוֹי ווִי אֵיינֶער ווָאס עֶס ווַארְט אִים אַ מִשְׁפָּט, עֶס ווַארְט אִים תְּפִיסָה אָדֶער עֶרְגֶערְס רַחֲמָנָא לִצְלָן, ווָאס טוּט עֶר? עֶר לוֹיפְט צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים, עֶר רַייסְט אֵיין בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים, עֶר בֶּעט בַּיי דִי צַדִּיקִים זֵיי זָאלְן מֵלִיץ יוֹשֶׁר זַיין וְכוּ', אַזוֹי אוֹיךְ יֶעצְט 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל', ווֶען עֶס ווַארְט אוּנְז אַלֶע אַ גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּט, מֶען גֵייט אַלֶעמֶען מִשְׁפָּטְ'ן, מִי יִחְיֶה וּמִי יָמוּת, ווער ווֶעט פַארְשְׁרִיבְּן ווערְן צוּ לֶעבְּן אוּן ווער ווֶעט פַארְשְׁרִיבְּן ווערְן צוּ טוֹיט, אוּן אַזוֹי ווייטֶער אַלֶעס ווָאס פַּאסִירְט דוּרְךְ דִי יָאר, אַלֶעס מִשְׁפָּט מֶען אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי חוֹדֶשׁ מִיט זָאגְן תְּהִלִּים אוּן גֵיין מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים אוּן טוּן גוּטֶע זַאכְן אַז מִיר זָאלְן אַלֶע אַרוֹיסְגֵיין זַכַּאי בַּדִּין, אָמֵן וְאָמֵן.

...

## זִיךְ מַאכְן אַ סֵדֶר פַאר חוֹדֶשׁ אֱלוּל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

וָואס מַאכְסְטוּ עֶפֶּעס? שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג הָאבּ אִיךְ דִיךְ נִישְׁט גֶעזֶען, מֶען ווּאוּנְט אַזוֹי נָאנְט אוּן עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ גַאנְץ יָאר וָואס מֶען זֶעט זִיךְ נִישְׁט, מִיר זֶעעֶן זִיךְ אֵיין מָאל אַ יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן...

דִי וָואךְ בֶּענְטְשְׁט מֶען שׁוֹין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין פוּן דִי וָואס מוֹהֲרְנַ"תְּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט אֱלוּל, מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט, אוּן מֶען טוּט נִישְׁט גָארְנִישְׁט"; אָן יִשּׁוּב הַדַּעַת קוּקְט מֶען אַזוֹי אוֹיס, מֶען קָאכְט זִיךְ: "אֱלוּל... אֱלוּל..." אוּן בַּיים סוֹף טוּט מֶען גָארְנִישְׁט.

עַל כֵּן מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר וִוי אַזוֹי דִי טֶעג פוּן 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל' זָאל דִיר אַרִיבֶּערְגֵיין, עֶרְשְׁטְנְס זָאלְסְטוּ אָנְהַאלְטְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים פוּן אַ גַאנְץ יָאר אִין לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא אוּן מֶדְרָשׁ, אוּן לִכְבוֹד חוֹדֶשׁ אֱלוּל זָאלְסְטוּ אַרִיבֶּערְגֵיין גַאנְץ תַּנַ"ךְ, פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן דָאס טוּן אוּם חוֹדֶשׁ אֱלוּל (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רנא), אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן רצד), פוּן דֶעם וָואס אִידְן בְּלַייבְּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִין שׁוּל נָאכְן דַאוֶוענֶען זָאגְן תִּיקּוּנִים, פוּן דִי זִיסֶע נִיגּוּן וָואס מֶען זָאגְט תִּיקּוּנִים, אוּן פוּן דָאס וָואס מֶען פַארְזוֹימְט זִיךְ פוּן דֶעם - וֶוערְט אִין הִימְל גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַז דוּ וֶועסְט דָאס מְקַיֵּים זַיין - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל', דוּ וֶועסְט נִישְׁט אוֹיסְקוּקְן וִוי דִי אַלֶע פַארְלוֹירֶענֶע וָואס פַּאטְשְׁן מִיט דִי הֶענְט: "אֱלוּל... אֱלוּל..." - אוּן טוּעֶן גָארְנִישְׁט, דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִּין אָנְגֶעגְרֵייט מִיט אַ רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה.

נָאכְאַמָאל, אַ שָׁאד מִיר זֶעעֶן זִיךְ נִישְׁט אַ גַאנְץ יָאר, גֵיי דֶערְצֵייל פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַז עֶס אִיז דָא אַזַא דֶערְהֶער, מֶען ווּאוּנְט אֵיינֶער נֶעבְּן צְוֵייטְן, אֵיינֶער אִין שְׁטָאט, אֵיינֶער אִין מָאנְרָא - אוּן מֶען

זֶעט זִיךְ נָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, זֵיי וֶועלְן דִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן...

...

### וּתְשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה, נָאךְ פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת רְאֵה, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ אִיז שַׁבָּת מְבָרְכִים אֱלוּל, מֶען בֶּענְטְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם הַכִּפּוּרִים בַּיים דַאוֶּוענֶען, בַּיים זָאגְן: "וּנְתַנֶּה תֹּקֶף" - טוּעֶן אַלֶע שְׁרֵייעֶן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת: "וּתְשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה מַעֲבִירִין אֶת רֹעַ הַגְּזֵרָה", דוּרְךְ תְּשׁוּבָה, דוּרְךְ תְּפִלָּה אוּן דוּרְךְ צְדָקָה - נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת; אַוַודַאי אִיז גוּט נִתְעוֹרֵר צוּ וֶוערְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם הַקָּדוֹשׁ, אָבֶּער מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל וַוארְט נִישְׁט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם הַכִּפּוּרִים, עֶס זָאל זַיין אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה חַס וְשָׁלוֹם אוּן דַארְפְן דֶעמָאלְט דָאס מְבַטֵּל זַיין, דֶער וָואס הָאט שֵׂכֶל נִיצְט אוֹיס דִי טֶעג פוּן 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל', מִיט 'תְּשׁוּבָה' עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, אוּן אִיז עוֹסֵק אִין 'תְּפִלָּה', אוּן גֶעבְּט 'צְדָקָה'; וַוייל דִי דְרַיי זַאכְן דַארְף מֶען טוּן אַ גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, דִי זַאכְן זֶענֶען מְרוּמָז אִין דִי וָוארְט 'אֱלוּל' (קִיצוּר שֻׁלְחָן עָרוּךְ סִימָן קכח, סְעִיף א), 'תְּשׁוּבָה' אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק (דְבָרִים ל, ו): "וּמָל ה' אֱלֹקֶיךָ אֶ'ת לְ'בָבְךָ וְ'אֶת לְ'בַב זַרְעֶךָ", וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת 'אֱלוּל', חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דִי צַייט פוּן 'תְּשׁוּבָה'; 'תְּפִלָּה' אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ו, ג): "אֲ'נִי לְ'דוֹדִי וְ'דוֹדִי לִ'י", וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת 'אֱלוּל', אִין דֶעם חוֹדֶשׁ דַארְף מֶען עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִלָּה, דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן תְּהִלִים, בֶּעטְן פַאר אַ גוּט יָאר, אוּן בֶּעטְן אוֹיסְצוּמֶעקְן אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן; אוּן 'צְדָקָה' אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק (אֶסְתֵּר ט, כב): "אִ'יש לְ'רֵעֵהוּ וּ'מַתָּנוֹת לָ'אֶבְיֹנִים", וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת 'אֱלוּל', אִין דֶעם חוֹדֶשׁ דַארְף מֶען עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה

פון גֶעבְּן צְדָקָה; וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וַוארְט נִישְׁט אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּטְן, עֶר נִיצְט אוֹיס דִי חוֹדֶשׁ אֱלוּל אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט 'תְּשׁוּבָה', 'תְּפִלָּה' אוּן 'צְדָקָה'; וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ 'מַעֲבִירִין אֶת רֹעַ הַגְּזֵרָה', עֶר וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען אַלֶע גְזֵירוֹת רָעוֹת, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן אָן תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, לֶעיקְוָואד**

דֶעם שַׁבָּת בֶּענְטְשְׁט מֶען חוֹדֶשׁ אֱלוּל, חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן דֶעם גַאנְצְן יָאר.

וֶוען עֶס קוּמְט 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל' פִּירְן זִיךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן עוֹסֵק צוּ זַיין אִין פַאסְטְן אוּן אִין מַאכְן סִיגוּפִים, מֶען טוּט אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן דֶעם גַאנְצְן יָאר; מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים, מִיר זֶענֶען צֶעבְּרָאכֶענֶע אוּן צֶעקְלַאפְּטֶע מֶענְטְשֶׁלֶעךְ, אוּן אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תצא) מִיר זָאלְן נִישְׁט פַאסְטְן, (מִיר פַאסְטְן נָאר דִי טֶעג וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן קוֹבֵעַ גֶעוֶוען צוּ פַאסְטְן); וָואס קֶענֶען מִיר טוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס מִיר דַארְפְן פַארְרֶעכְטְן? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ו): "עִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", דוּרְךְ שְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט; דָאס אִיז מְכַפֵּר, דָאס טוּט פַארְצֵייעֶן אַסַאךְ שְׁטֶערְקֶער וִוי פַאסְטְן אוּן זִיךְ פַּיינִיגְן.

עַל כֵּן זָאלְסְטוּ זִיךְ פָארְנֶעמֶען יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל', אוֹיבּ דוּ בַּאקוּמְסְט אַ בִּזָּיוֹן - אֵיינֶער זָאגְט דִיר עֶפֶּעס שַׁארְף אָדֶער פַארְשֶׁעמְט דִיךְ - נִישְׁט צוּ עֶנְטְפֶערְן, דָאס אָנֶעמֶען מִיט שִׂמְחָה, גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז פוּן הִימְל הָאט מֶען דִיר דָאס גֶעשִׁיקְט פַאר אַ תִּיקּוּן, אַנְשְׁטָאט דוּ זָאלְסְט

דַארְפְן פַאסְטְן; דָאס וֶועט זַיין בִּמְקוֹם פַאסְטְן, און אַזוֹי וֶועסְטוּ אַלֶעס מְתַקֵן זַיין.

זִיכֶער אוֹיבּ דַיין טַאטֶע מַאמֶע זָאגְן דִיר עֶפֶּעס, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ וֶוערְסְט פַארְשֶׁעמְט פוּן זֵיי, אָדֶער דַיין וַוייבּ זָאגְט דִיר אַרַיין און דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ אָנְגֶעפַּאטְשְׁט - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, זַיי עֶס מְקַבֵּל בְּשִׂמְחָה עֲצוּמָה, דָאס וֶועט זַיין פַאר דִיר דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקוּן, און דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אַ זִיס יָאר, אַ לִיכְטִיגֶע יָאר מִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## פּוֹעֵל'ן שִׁידוּכִים אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ שַׁבָּת בֶּענְטְשְׁט מֶען שׁוֹין חוֹדֶשׁ אֱלוּל; אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן חוֹדֶשׁ אֱלוּל - אִיז אַ שִׁידוּךְ, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן פז), אַז אִין דִי כַּוָּנוֹת פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל לִיגְט דִי סוֹד פוּן טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, און דָאס אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כד, ח): "וְ'אִם לֹ'א תֹאבֶה הָאִשָּׁה לָ'לֶכֶת אַ'חֲרֶיךָ", וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת 'אֱלוּל', און אִינְדֶערְמִיט אִיז דָא דִי וֶוערְטֶער: 'תֹאבֶה הָאִשָּׁה', וַוייל דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶען פַארְרֶעכְט אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען - טְרֶעפְט מֶען דִי שִׁידוּךְ.

עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, טַעֲנָה זִיךְ, זָאג: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אַז מַיין שִׁידוּךְ אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעשֶׁען צוּלִיבּ מַיינֶע חֲטָאִים אִין וָואס אִיךְ פַאל כְּסֵדֶר אַרָאפּ, אִיךְ בִּין פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, און דָאס הַאלְט אָפּ מַיין שִׁידוּךְ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט**

(תִּיקּוּן יד, דַף ל.): 'חוֹבָא דָא', דִי עֲבֵירָה, 'גָרִים דְנָטִיל אַחֵר בַּת זוּגֵיהּ', אִיז גוֹרֵם אַז אַ צְוֵוייטֶער כַאפְּט אוֹיס דִי שִׁידוּךְ, אָבֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי קֶען אִיךְ נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן צוּ קֶענֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אוּן הֵיילִיג, כָּל זְמַן אִיךְ בִּין אַ פְּלַג גוּף פַאל אִיךְ כְּסֵדֶר צוּרִיק אִין דִי נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים", אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי וֶועלְוְול זְבַּארִיזְשֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען זַיין פֶערְד אוּן וָואגְן הָאט זִיךְ אַמָאל אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אִין אַ קַאלְטֶע רֶעגְנְדִיגֶע נַאכְט, דֶער צַדִיק הָאט גֶעזֶען אַז עֶר אִיז אַלֵיינְס, אוּן דִי פֶערְד אִיז אִים אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ גְרוּבּ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וֵוייס פַארְוָואס דָאס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר, וַוייל דוּ ווילְסְט אִיךְ זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דָא קֶען אִיךְ נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, דָא אִיז קַאלְט אוּן נַאס אוּן טוּנְקֶל, בְּרֶענְג מִיךְ אַהֵיים, דָארְט זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז אִיךְ וֶועל תְּשׁוּבָה טוּן", אַזוֹי זָאלְסְטוּ זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי קֶען אִיךְ נִישְׁט וַוייטֶער, אִיךְ דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ דַארְף אַ שְׁמִירָה, אִיךְ דַארְף אַ חוֹמָה, אִיךְ זָאג דִיר צוּ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז אִיךְ וֶועל טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ וֶועל חֲתוּנָה הָאבְּן - וֶועל אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ וֶועל קֵיינְמָאל נִישְׁט מֶער זִינְדִיגְן".

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, דוּ וֶועסְט טַעְנָה'ן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט חֲרָטָה הָאבְּן אוּן זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, זָאגְט וַוייטֶער דֶער זוֹהַר (שָׁם): "וְעִם כָּל דָא, אִם חָזַר בִּתְיוּבְתָּא 'וְשָׁב וְרָפָא לוֹ', וְיָהִיב לֵיהּ בַּת זוּגֵיהּ", טְרֶעפְט מֶען דִי שִׁידוּךְ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## וֶוען דִי נִישְׁט גוּטֶע רוּחַ כַאפְּט דִיךְ אָן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא"י), י"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אוּן בַּיי דִי סְעוּדוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ נֵייטְן צוּ זַיין רַק בְּשִׂמְחָה, זִינְג זְמִירוֹת בְּשִׂמְחָה, זִינְג נִישְׁט וֵויינֶעדִיגֶע נִיגוּנִים, זִינְג פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים.

מַאךְ קִידוּשׁ מִיט שִׂמְחָה, עֶס דִי שַׁבָּת'דִיגֶע עֶסְן מִיט שִׂמְחָה, אוּן דַאנְק הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיין שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה; רֶעכְן אוֹיס אַלֶע קִינְדֶער בַּיים נָאמֶען, זָאג שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דֶעם קִינְד, אוּן פַאר דֶעם קִינְד, אוּן גֵיי שְׁלָאפְן בְּשִׂמְחָה, אוּן דַאוֶוענְ בְּשִׂמְחָה.

אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִיז עַצְבוּת זֵייעֶר גֶעפֶערְלִיךְ, אוּן סְפֶּעצִיעֶל וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת דַארְף מֶען דֶערְוַוייטֶערְן דִי עַצְבוּת בְּתַכְלִית הָרִחוּק.

אַז דִי נִישְׁט גוּטֶע רוּחַ כַאפְּט דִיךְ אָן, זָאלְסְטוּ גֵיין אִין אַ זַייט אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אָנָּא הַשֵּׁם הַרְחֵק מֵעָלַי אֶת הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחוֹרָה, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶערְוַוייטֶער פוּן מִיר דִי עַצְבוּת אוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע, וְזַכֵּנִי לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, מַאךְ מִיךְ אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן טַאנְצְן פוּן רוֹב שִׂמְחָה, אוּן יֶעדֶער אַרוּם מִיר זָאל וֶוערְן פְרֵיילִיךְ".

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## דֶער וָואס בְּרֶענְגְט סוֹדוֹת, טְרָאגְט סוֹדוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הֶער אוֹיף צוּ רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע, הֶער אוֹיף צוּ רֶעדְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, דָאס רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע זַאךְ; וַוייל דִי וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ אַהֶער ווִי דִי פְרוּמֶע וְכוּ', אוּן רֶעדְן טָאג אוּן נַאכְט פוּן וֶוער עֶס אִיז יָא אֵיידְל וְכוּ',

און וֶוער עֶס הָאט יָא גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחוֹת וְכוּ' - דִי זֶענֶען זֵייעֶר מִיאוּסְ'עֶ מֶענְטְשְׁן; וַוייל דָאס רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, נָאךְ עֶרְגֶער וִוי טוּן דִי גְרֶעסְטֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עֲרָכִין טו.): "הָאוֹמֵר בְּפִיו חָמוּר מִן הָעוֹשֶׂה מַעֲשֶׂה", דֶער וָואס דֶערְצֵיילְט פוּן אַ צְוֵוייטְן - אִיז עֶרְגֶער וִוי דֶער וָואס פַאלְט אִין עֲבֵירוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

וֶוען אֵיינֶער רֶעדְט מִיט דִיר און דֶערְצֵיילְט דִיר פוּן אַנְדֶערֶע - זָאלְסְטוּ גְלַייךְ מַאכְן אִין קָאפּ אַן אִיקְס (X) אוֹיף יֶענֶעם, זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן יֶענֶעם, אַז יֶענֶער זָאל נִישְׁט הָאבְּן סְחוֹרָה וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן אוֹיף דִיר; וַוייל עֶס אִיז אַ חֲזָקָה אַז דִי וָואס בְּרֶענְגֶען מַעֲשִׂיוֹת - דִי טְרָאגְן מַעֲשִׂיוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט פָּאסְט דֶער טְרָאגְט פָּאסְט; זָאלְסְטוּ זַיין גֶענוּג קְלוּג זִיךְ צוּ פַארְמַאכְן דִי מוֹיל.

בַּיי פְרוֹיעֶן אִיז דָאס נָאךְ עֶרְגֶער, דִי פְרוֹיעֶן וָואס בְּרֶענְגֶען שְׁטִילֶע מַעֲשִׂיוֹת אוֹיף דֶעם און אוֹיף יֶענֶעם - דִי אַלֶע טְרָאגְן פוּן דִיר צוּ אַנְדֶערֶע; עַל כֵּן זֵיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ און דַיינֶע טֶעכְטֶער, וֶוען זֵיי דֶערְצֵיילְן דִיר סוֹדוֹת וָואס חַבֶרְ'טֶעס דֶערְצֵיילְן, זִי זָאל כַאפְּן אַז דִי און דִי פְרוֹי וָואס דֶערְצֵיילְט אַז בַּיי דֶעם אִיז נִישְׁטָא קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, און בַּיי דֶעם אִיז דָא צַעַר פוּן דִי קִינְדֶער, און בַּיי דֶעם אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועשׁ, און בַּיי יֶענֶעם אִיז נִישְׁטָא קַיין עֶסְן - אַז דִי פְרוֹי וָואס בְּרֶענְגְט גַאסֶעפּ (לָשׁוֹן הָרָע), זִי טְרָאגְט דִיךְ אַרוּם אִין דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט; זָאל זִי זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן זִיךְ.

אַוַודַאי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן אַ נָאנְטֶע מֶענְטְשׁ מִיט וֶועם מֶען קֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין, אָבֶּער מֶען דַארְף עֶרְשְׁט זֵייעֶר שְׁטַארְק בּוֹדֵק זַיין אוֹיבּ יֶענֶער וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְרָאטְן; וִוי אַזוֹי אִיז מֶען דָאס בּוֹדֵק? אוֹיבּ יֶענֶער בְּרֶענְגְט דִיר סוֹדוֹת פוּן אַנְדֶערֶע - וֶועט עֶר אַוֶועק טְרָאגְן סוֹדוֹת פוּן דִיר פַאר אַנְדֶערֶע.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לֶערְן און דַאוֶוען, וַוייל נָאר דָאס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז.

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה, אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט יֶעצְט בַּיי דִי קָאמְפֵּיין, מִיךְ

הֶעלְפְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת וָואס זֶענֶען בִּכְלָל נִישְׁט מַיינֶע, עֶס זֶענֶען פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פַאר דִי מוֹסָד אוּן קְהִילָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## וֶוען דִי עֶלְטֶערְן רֶעדְן זִיךְ אוֹיס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס רֶעדְסְטוּ פוּן אַנְדֶערֶע, אוּן וָואס הֶערְסְטוּ אוֹיס וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן אַנְדֶערֶע? אוּן אַז אֵיינֶער רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ דִיר פְּרִיוַואטֶע זַאכְן - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט טְרָאגְן ווייטֶער; קֶענְסְט אוֹיסְהֶערְן, קֶענְסְט יֶענֶעם מְחַזֵק זַיין, קֶענְסְט יֶענֶעם גֶעבְּן גוּטֶע עֵצוֹת, אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם טְרָאגְן וַוייטֶער דִי אִינְפָארְמֶעישְׁן, ווייל דִי עֲבֵירָה פוּן לָשׁוֹן הָרָע אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ וִוי טוּן דִי ג׳ חֲמוּרוֹת הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

זַיי מְכַבֵּד דַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן רֶעדְן זִיךְ אוֹיס צוּ דִיר וְכוּ׳ וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ אוֹיסְהֶערְן אוּן אוֹיסְהֶערְן, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע כִּיבּוּד אָב וָאֵם. מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אִין מַחֲלֹקֶת, אוּן זָאג נִישְׁט מוּסָר פַאר זֵיי; הֶער זֵיי אוֹיס אוּן בֶּעט פַאר זֵיי.

וֶועסְטוּ מִיר הֶעלְפְן דִי יָאר בַּיי דִי קָאמְפֵּיין מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צֶעמִישְׁט וָואס אִיז הִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ זֶע אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צֶעמִישְׁט וָואס אִיז הִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיק, וְוִי אַזוֹי אִיז מֶען נָאנְט צוּם צַדִּיק, וֶוער אִיז נָאנְט אוּן וֶוער אִיז נֶענְטֶער, אוּן וָואס דַארְף מֶען פְרֶעגְן אוּן וָואס דַארְף מֶען דֶערְצֵיילְן.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, הִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיק אִיז לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים (אִין דֶעם אִיז נִכְלָל הֶערְן שִׁיעוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת), אוּן טוּן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה אִיז - זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אַזוֹי וְוִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד, אוּן וְוִי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטֶע, דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וְוִי שְׁטַארְק מֶען ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, וְוִי שְׁטַארְק מֶען ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, אוּן וְוִי שְׁוֶוער עֶס גֵייט, וְוִי מֶען הַאלְט אִין אֵיין פַּאלְן; דָאס אִיז הִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיק.

אַנְשְׁטָאט רֶעדְן פוּן דֶעם אוּן יֶענֶעם, אַנְשְׁטָאט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן - הֵייבּ אָן טוּן לְמַעֲשֶׂה דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַיינְגֶעגֶעסְן אִינֶעם צַדִּיק אוּן נִכְלָל וֶוערְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַאךְ מִיר נִישְׁט דִי קָאמְפֵּיין אַבִּי יוֹצֵא צוּ זַיין, מַאךְ עֶס מִיט דַיין הַארְץ, נֶעם אַרָאפּ פוּן מִיר דִי שְׁוֶוערֶע חוֹבוֹת; אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט מֶער נֶעמֶען, עֶס שְׁוַואכְט מִיךְ אָפּ פִיזִישׁ, עֶס נֶעמְט כֹּחוֹת פוּן מִיר, לֵייג אַרַיין דָאפְּלְטֶע כֹּחוֹת פוּן פַארְאַיָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## דִי פִּישׁ אִין וַואסֶער צִיטֶערְן

משֶׁה'לֶע שְׁפִּילְט, עֶר לוֹיפְט אַהִין אוּן צוּרִיק, עֶר הָאט אַ פַארְגֶענִיגְן, זַיין גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער קֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין: 'אִין אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע טֶעג ווִי חוֹדֶשׁ אֱלוּל שְׁפִּילְט עֶר זִיךְ...?' זִי גֵייט צוּ צוּ אִים אוּן פְרֶעגְט אִים: "זָאג מִיר משֶׁה'לֶע, אִין אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע טֶעג שְׁפִּילְסְטוּ זִיךְ? דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס יֶעצְט אִיז? מִיר זֶענֶען שׁוֹין אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל! אוֹיךְ דִי פִּישׁ וָואס שְׁווִימֶען אִין וַואסֶער צִיטֶערְן!"

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי משֶׁה פוּן קַאבְּרִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶר פְלֶעגְט דָאס שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן, אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד הָאט אִים זַיין עֶלְצְטֶע שְׁוֶועסְטֶער דָאס גֶעזָאגְט, אוּן פוּן דֶעמָאלְט אִיז אַרַיין אִין אִים אַ פַּחַד פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל צוּ אוֹיסְנִיצְן דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר גֵייעֶן אוֹיסְנִיצְן דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל אוֹיף צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, מִיר גֵייעֶן פָּאלְגְן טַאטֶע אוּן מַאמֶע, מִיר גֵייעֶן זִיךְ מֶער נִישְׁט קְרִיגְן מִיט




דִי בְּרִידֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער, מִיר גֵייעֶן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן טוּן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט.

# מהדורת לעזער

**הספר הקדוש הזה נתנדב לזכות**

מוה"ר **יעקב אליהו לעזער** הי"ו

וזוגתו **שרה חנה** תחי'

**וילדיהם**

**אברהם יהודה ומשפ', הינקא חיה באבא, פערל, אליעזר שלמה, יחזקאל שרגא, נחמן נתן, צבי אלימלך, יהונתן, בנימין ביינוש, ישראל, שמחה.**

לרגל שמחת נישואין של בנם אברהם יהודה למזל טוב

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון